**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/22/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול דעטאלירט ציפערן פון פארברעכן איבערן סטעיט, ארויסברענגענדיג וויכטיגקייט פון פובליק זיכערהייט אינוועסטירונגען און רעפארמען אין בודזשעט פון פיסקאלע יאר 2024**

***פארגעשלאגענע בודזשעט טיילט צו 491.9 מיליאן דאלאר צו אדרעסירן רעוואלווער פארברעכן, רעדוצירן צאלן געוועזענע פארברעכער וואס פאלן צוריק און שטיצן קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם אין פאנדעמיע ערהוילונג***

***שיסעריי אינצידענטן מיט פארוואונדעטע געפאלן מיט 17 פראצענט אין ניו יארק סיטי און מיט 15 פראצענט אין די GIVE 20 קאמיוניטיס וועלכע באריכטן רעוואלווער פארברעכן ציפערן צו די סטעיט אין 2022 אין פארגלייך צו 2021***

***מערדערייען געפאלן מיט 11 פראצענט איבערן סטעיט, באריכטעטע פארברעכן איז ארויף***

***שכל'דיגע בעיל פארשלאג צו עלימינירן צומישנדע און סתירות'דיגע געזעצן און האלטן איבערחזרנ'דע און ווילדע פארברעכער פאראנטווארטליך***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט נייע [ציפערן פון פארברעכן איבערן סטעיט]() און זי האט ארויסגעברענגט די וויכטיגקייט פון פובליק זיכערהייט אינוועסטירונגען און רעפארמען וואס איז אריינגערעכנט געווארן אין איר בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024. דורכאויס א רעדע ביי די קאפיטאל האט די גאווערנער פארגעשטעלט איר 491.9 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין סטראטעגיעס וועלכע זענען בדוק ומנוסה צו אדרעסירן און פארמיידן רעוואלווער פארברעכן און גוואלדטאטן, רעדוצירן די צאל געוועזענע פארברעכער וועלכע פאלן צוריק צו זייערע אלטע וועגן און צו העלפן די קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם פארזעצן זיך צו ערהוילן נאך די שטערונגען פון די פאנדעמיע-תקופה. שיסעריי אינצידענטן מיט פארוואונדעטע זענען געפאלן מיט 17 פראצענט אין ניו יארק סיטי און מיט 15 פראצענט אין די 20 קאמיוניטיס וועלכע באריכטן רעוואלווער פארברעכן ציפערן צו די סטעיט פארגלייכנדיג לעצטע יאר צו 2021, און די צאל אינצידענטן האבן פארגעזעצט צו פאלן אין די ערשטע חלק פון 2023. די צאל פון באריכטעטע מארדן איז געפאלן מיט 11 פראצענט איבערן סטעיט, מיט 94 ווייניגער מענטשן געהרג'ט, און כאטש די סך הכל פון אלע באריכטעטע פארברעכן איז געוואקסן מיט 21 פראצענט, זענען די ציפערן בכלל נישט נאענט צו די ציפערן וועלכע זענען געזעהן געווארן דרייסיג יאר צוריק. גאווערנער האקול האט אויך ערקלערט איר שכל'דיגע פארשלאג צו אויסמעקן די סטאנדארט אין די סטעיט'ס בעיל געזעץ וואס פארלאנגט פון די געריכט צו נוצן די "ווייניגסטע באגרענעצטע" מאסנאמען, א וויכטיגע מיטל צו צוריקגעבן די מעגליכקייט פאר די ריכטער צו נוצן זייער שיקול הדעת און האלטן פאראנטווארטליך די וועלכע חזר'ן איבער זייערע פארברעכנס און די וועלכע פירן דורך ווילדע פארברעכנס.

"עס קומט זיך פאר ניו יארקער א קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם וואס לייגט אלץ פריאריטעט סיי זיכערהייט און סיי גערעכטיגקייט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "באשיצן ניו יארקער איז מיין הויפט

פריאָריטעט, און דאס איז די סיבה פארוואס מיין פארגעשלאגענע בודזשעט רעכנט אריין רעקארד-הויכע אינוועסטירונגען און סטראטעגיעס וועלכע זענען בדוק ומנוסה, צו פארזיכערן אז מיין אדמיניסטראציע קען טוהן געוני דאס. מיר ארבעטן ארום די זייגער צו באקעמפן פארברעכן ארום אונזער סטעיט, און מיר רוקן זיך אין די ריכטיגע ריכטונג, אבער מיר וועלן זיך נישט אפשטעלן ביז יעדער ניו יארקער קען לעבן אין זיכערהייט."

גאווערנער האקול האט פארגעשטעלט איר ברייטע קרימינאלע יוסטיץ פלאטפארמע און נאך אנטוויקלונגען אין פארברעכן וועלכע ווייזן פארשריט ביז היינט און פארבעסערונגען וועלכע דארפן נאך געשעהן צו פארזיכערן די ווירקזאמקייט און עפעקטיוויקייט פון די סיסטעם. שיסעריי אינצידענטן מיט פארוואונדעטע זענען פאר צו פאלן דעם יאר, מיט 55 וויניגער מענטשן (34- פראצענט) געשאסן אין די 20 קאמיוניטיס וועלכע באריכטן זייערע רעוואלווער פארברעכן ציפערן צו די סטעיט און באטייליגן זיך אין די 'רעוואלווער-פארמישטע געוואלדטאטן עלימינאציע' (Gun Involved Violence Elimination, GIVE) אינציאטיוו, און 44 וויניגער מענטשן (21- פראצענט) זענען פארוואונדעט געווארן דורך הייסע געווער אין ניו יארק סיטי, שטייענדיג אום מערץ 12, 2023. די אלגעמיינע סך הכל פון באריכטעטע פארברעכנס איז געוואקסן מיט 21 פראצענט: ווילדע פארברעכן (מארד, אונס, רויבעריי, איבערפאל) מיט 10 פראצענט, און פארמעגן פארברעכן (איינברעך, גניבה, קאר גניבה) מיט 24 פראצענט אין די זעלבע צייט אפשניט.

די הויפט ציפערן פון די קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם זענען נישט צוריקגעגאנגען צו די שטאפלען פון בעפאר די פאנדעמיע אין 2019, ווען ניו יארק סטעיט האט געזעהן רעקארד-נידריגע פארברעכן נאך זיבן יאר אין א ציה וואס די ציפערן זענען געפאלן. 'מיסדימינער' און 'פעלאני' ארעסטן זענען געשטיגן אין 2022, אבער זיי זענען נאכאלץ וויניגער פון די צאלן וועלכע זענען באריכטעט געווארן דורך פאליציי אגענטורן פון 2017 ביז 2019. אין די זעלבע צייט האבן די סטעיט'ס געריכטן געלייזט וויניגער פעלער לעצטע יאר: 118,378 געלט אריבערפירונגען זענען באריכטעט געווארן אין פארגלייך צו די צאל וואס איז אריבערגעפירט געווארן יערליך פון 2017 ביז 2019.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס ( Division of Criminal Justice Services) קאמישאנער, ראָזאנא ראָזאַדאָו, האט געזאגט,** "גלייכקייט און יושר זענען צוויי זיילן פון די קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם וועלכע זענען קריטיש צו פארזיכערן אז עס ארבעט אויף א ווירקזאמען אופן פאר אלע ניו יארקער. יעדער וואס רופט ניו יארק זייער היים דארף קענען האבן א רואיגע געוויסן אז די סיסטעם ווערט כסדר פארבעסערט צו האלטן אונז אלע פארזיכערט. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס שטיצע און שותפות אין אונזער איבערגעגעבנקייט צו אמת'ע גערעכטיגקייט און זיכערהייט פאר יעדן."

גאווערנער האקול'ס פארגעשלאגענע בודזשעט פארשטערקערט פראגראמען וועלכע האבן זיך אויפגעוויזן צו זיין ערפאלגרייך, אינוועסטירנדיג [337 מיליאן דאלאר](): א 110 מיליאן דאלארדיגע העכערונג פון די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023 וואס האט געהאט די גרעסטע אינוועסטירונג אין פובליק זיכערהייט פינאנצירונג אין א יובל. די פארשלאג פאר פיסקאלע יאר 2024 רעכנט אריין:

- **84.1 מיליאן דאלאר** פאר יונגווארג באשעפטיגונג פראגראמען, **37 מיליאן דאלאר** דערפון פאר פראגראמען אין יוריסדיקציעס וועלכע באטייליגן זיך אין די רעוואלווער-פארמישטע געוואלדטאטן עלימינאציע.
- **70 מיליאן דאלאר** פאר קאמיוניטיס זיך צו אפרופן צו די נאכווייען פון רעוואלווער פארברעכנס, **50 מיליאן דאלאר** דערפון פאר אינפראסטרוקטורישע באדערפענישן פון קאמיוניטיס.
- **36.4 מיליאן דאלאר** פאר די רעוואלווער-פארמישטע עלימינאציע אינציאטיוו.

- **31.1 מיליאן דאלאר** פאר רעדוקציע פון פארברעכן, פאר יונגווארג יוסטיץ און פאר 'גענג' פארמיידונג פראגראמען.
- **25.9 מיליאן דאלאר** פאר סטעיט פאליציי קאמיוניטי סטאביליזאציע איינהייטן (Community Stabilization Unit, CSU), פארמערנדיג די צאל פון די יוניטס פון 16 צו 25.
- **25 מיליאן דאלאר** פאר דעם SNUG גאסן אַוטריטש פראגראם.
- **18 מיליאן דאלאר** פאר די סטעיט-געשטיצטע פארברעכן אנאליז צענטער ( Crime Analysis Center) נעטווארק, אריינרעכנענדיג דאס אויפשטעלן א נייע צענטער אין ניו יארק סיטי, ברענגענדיג די צאל צענטערן איבערן סטעיט צו 11.

די פארגעשלאגענע עקזעקיוטיוו בודזשעט רעכנט אויך אריין באדייטנדע פינאנצירונג צו פארמערן די עפעקטיוויקייט און ווירקזאמקייט פון די קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם:

- **52 מיליאן דאלאר** אין הילף פאר גערעכטליכע אנקלאגע פינאנצירונג פאר אלע 62 דיסטריקט אטוירני'ס אפיסעס.
- **40 מיליאן דאלאר** אין פינאנצירונג צו שטיצן דאס איינפירן די געזעצליכע רעפארמען פאר די 'דיסקאָווערי' פראצעדור.
- **31.4 מיליאן דאלאר** פאר אלטערנאטיווע פראגראמען אנשטאט טורמע.
- **20 מיליאן דאלאר** פאר סערוויסעס בעפארן פראצעס.
- **11.5 מיליאן דאלאר** פאר 20 קאונטי איינגלידערונג איינהייטן ( County Re-entry Task Forces) וועלכע העלפן מענטשן זיך צוריק צו איינגלידערן אין זייערע קאמיוניטיס נאכן זיצן אין טורמע.

צוזאמען פינאנצירן די אינוועסטירונגען א ברייט-פארצווייגטע פלאן וואס אדרעסירט אלע געביטן פון די סיסטעם. גאווערנער האקול האט אויך ווידערהאלט די וויכטיגקייט פון איר שכל"דיגע בעיל פארשלאג צו עלימינירן סיי וועלכע צומישונג אין דעם געזעץ. עס וועט אויך ארויפבויען אויף אנדערע רעוויזיעס וועלכע זענען געמאכט געווארן צו דעם געזעץ זינט עס איז אריין אין קראפט אום יאנואר 1, 2020, וואס איז אויך געווען קאנצעטרירט אויפן זיכער מאכן אז ריכטער קענען נוצן זייער שיקול הדעת ביים באשטימען בעיל פאר די וועלכע ווערן באשולדיגט מיט הארבע פארברעכנס און מיט איבערגעחזר'טע פארברעכנס.

פון איין זייט באגרעניצט דער געזעץ די ריכטער, פארלאנגענדיג פון זיי צו מאכן באשטימונגען בעפאר די פראצעס וואס זענען באזירט אינגאנצן אויף די "וויניגסטע באגרעניצטע מאסנאמען" וועלכע זענען נויטיג צו זיכער מאכן אז א באשולדיגטער קערט זיך צוריק צום געריכט. פון די אנדערע זייט הייסט דער געזעץ ריכטער צו נעמען אין באטראכט א רייע פון אנדערע זאכן ווען זיי באשטימען בעיל. דאס פירט צו א צומישטע מצב ווען באשולדיגטע פירן דורך נאך ווילדע פארברעכנס. גאווערנער האקול'ס פארשלאג גיבט צוריק די שיקול הדעת צו דעם ריכטער צו נעמען אין באטראכט זאכן וועלכע זענען שוין אריינגעלייגט אינעם געזעץ צו מאכן די ריכטיגע באשלוס פאר יעדער מענטש באזונדער.

זינט זי איז אריין אין אפיס האט גאווערנער האקול אונטערגענומען שריט צו פארשטערקערן ניו יארק סטעיט'ס רעוואלווער פארברעכן פארמיידונג געזעצן דורכן פארבאטן 'גייסט רעוואלווער', מאגאזינען מיט א גרויסע קאפאציטעט און שילדן און פאנצערן; פארברייטערן בעיל באַרעכטיגונג פאר רעוואלווער פארברעכן; העכערן די עלטער צו קענען קויפן סעמי-אויטאמאטישע וואפן צו 21; און אוועקשטעלנדיג די ערשטע אינעם לאנד אן [אינטערסטעיט איינהייט אויף אומלעגאלע רעוואלווערס ( Interstate Task](#)

Force on Illegal Guns) וואס האט זיך נאכאמאל געטראפן אינמיטן מערץ, צווישן אנדערע אינציאטיוון.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418